# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................**7:17**

מוצאי יו"ט ראשון...........**8:49**

**שיעורים כסדרן**

**א׳ דפסח**

נ"ך.................חגי ב׳-זכריה א׳
בבלי..........................יבמות מ׳
ירושלמי.............בבא בתרא ד׳
תוספתא......כריתות פרק ב׳
רמב"ם...מטמאי משכב ומושב י׳


יום טוב פסח, שנת תשפ"ב לפ"ק

*שנה 11, גליון 33 (548)*


# אַ װָאֹרְט אוֹיף יוֹם טוֹב

מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ, מֶען דֶערְמַאנְט אִין דִי הַגָּדָה דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, כָאטְשׁ זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמוּנָה אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פָּרָשָׁה מ"ב, סִימָן ח׳) פַארְוָואס וֶוערְט אַבְרָהָם אָבִינוּ אָנְגֶערוּפְן "אַבְרָהָם הָעִבְרִי", וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין זַייט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי הַאֲזִינוּ) אֵיידֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען קֶענִיג כִּבְיָכוֹל נָאר אִין הִימְל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ז׳) **"ה׳ אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לְקָחַנִי"**, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען מַמְלִיךְ גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי הִימְל אוּן אוֹיף דֶער עֶרְד, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם, פָּסוּק ג׳) **"וְאַשְׁבִּיעֲךָ בַּה׳ אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם וֵאלֹקֵי הָאָרֶץ"**.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, הַקְדָּמָה), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג, כ"ד) **"אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם"**, אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס אִיז אִים גֶעשְׁטַאנֶען אִין וֶועג.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז כָאטְשׁ זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה׳ עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן, וָואס הָאט אוּנְז מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶענֶען מִיר נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ס"ב), אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ קוּמֶען אַרַיין אִין זַיין הַארְץ סְפֵיקוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, נָאכְאַמָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, יֶעדֶע זַאךְ פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אוּן מֶען קֶען אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל"ז), יֶעדֶעס מָאל אַ אִיד גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר אֵייבִּיג מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, אַלֶעמָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן "הַיינְט הוֹיבּ אִיךְ אָן זַיין דָבוּק אִין דִיר", אוּן אַזוֹי זָאל עֶר יֶעדֶעס מָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, וַוייל אַלֶעס גֵייט לוֹיט דִי הַתְחָלָה. מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ יָא גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, וֶועט עֶר פוּן יֶעצְט אָן זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף עֶר דָאךְ זִיכֶער זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי הַגָּדָה, "אֲבוֹתֵינוּ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; **מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ**, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִין מַיין קָאפּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, **וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ**, אוּן יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ פוּן פְרִישׁ, פוּן הַיינְט וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר אִיז אַלְץ אַרָאפְּגֶעפַאלְן נָאכְאַמָאל, גֶעבְּט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, עֶר הוֹיבְּט אָן פוּן פְרִישׁ, הַיינְט וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט, הַיינְט וֶועל פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַבִּיסְל מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וִויפִיל אִיךְ קֶען.

דָאס אִיז דֶער סוֹד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ע"ד) "אִין אָנְהוֹיבּ זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת גֶעוֶוען פוּן פֶּסַח, דֶערִיבֶּער זֶענֶען אַלֶע מִצְוֹת ׳זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם׳, אוּן יֶעצְט וְכוּ׳", דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וָואס אִיז יֶעצְט. קֶען זַיין אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף טַאקֶע אוֹיף "יֶעצְט", יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדֶע צַייט הָאט דִי כֹּחַ צוּ זָאגְן "פוּן יֶעצְט", אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֶען אִיךְ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

לָאמִיר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוּנְז אוֹיפְ'ן הַארְץ, וֶועלְן מִיר קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט זַיין אֱמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן. (הַגָּדַת אוֹר זָרוּעַ)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## לָאמִיר אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט"ז:) אַז יֶעדֶער אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד שְׁפִּירְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם?

וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער וָואס עֶס מֵיינְט מִצְרַיִם, דַאן אִיז דֶער תֵּירוּץ זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אִיז זֵייעֶר מוֹיל גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דֶעם שְׁלֶעכְטְן פַּרְעֹה, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה רַע" - אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל. זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן

<<<<<<

# א גוט ווארט

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.) אַז מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. וִוידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אָן: "מֵיכְלָא דְאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; אַז מַצָּה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז עֶס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן בַּיי אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים: "אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין רְפוּאָה, דָאס וֶועט דִיר גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶּער דִי מֶעדֶעצִין קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט", וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ זִיכֶער אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי עֶר זָאל לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (אִיּוֹב ב, ד): "כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן"; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וָואס דָאס הֵיילְט אוּנְז אוֹיס בְּרוּחְנִיּוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיכֶער קוֹיפְן מַצָּה בְּיַד רְחָבָה אוּן נִישְׁט קַארְגְן וְכוּ׳.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשע"ח)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# עֶס טוּט זִיךְ
# אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ שׁוֹין אִין דִי וָואךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיטְ׳ן אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ; מִיר דַארְפְן אוֹיךְ אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ פוּן אוּנְזֶער הַארְץ אוּן קָאפּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה): "וְעִקָּר לִשְׁמֹר מֹחוֹ שֶׁלֹּא יַחֲמִיץ", מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם מֹחַ עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן חָמֵץ׳דִיג, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נָאר גְלֵייבְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט. מִיר דַארְפְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, חַזְרְ׳ן אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס נָאר פַאר אוּנְזֶער גוּטְס, חַס וְשָׁלוֹם הָאבְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְק, אַ פִּינְטֶעלֶע חָמֵץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁתִּשְׁמֹר אֶת חָכְמָתְךָ שֶׁלֹּא יִכְנוֹס בּוֹ חָכְמוֹת חִצוֹנִיּוֹת, שֶׁלֹּא תְּהַרְהֵר בְּהִרְהוּרִים רָעִים", מִיר דַארְפְן הִיטְן אוּנְזֶער מַחְשָׁבָה, נִישְׁט הָאבְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, נִישְׁט טְרַאכְטְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל יְדֵי זֶה תִּנָּצֵל מֵחָמֵץ שֶׁהוּא סִטְרָא דְּמוֹתָא וְכוּ׳".

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ מִישְׁן פֶּסַח וְכוּ׳; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן דִי אַלֶע "כָּשֵׁר לְפֶּסַח" זַאכְן וָואס מֶען מַאכְט נָאךְ מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי חָמֵץ; פִּיצַא, קֶעיְק - וָואס זֶעט אוֹיס ווִי חָמֵץ, זוּפּ מַאנְדְלֶעךְ אוּן דָאס גְלַייכְן; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "פַארְוָואס גֶעבְן דִי רַבָּנִים אַ הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי זַאכְן?" עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז פֶּסַח עֶסְט מֶען נִישְׁט דָאס, פֶּסַח טוּט מֶען נִישְׁט יֶענְץ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְכוּ׳; פַאר דִי חוּץ לָאָרֶץ׳דִיגֶע אִידְן אִיז דִי וָואךְ, דִי וָואךְ פוּן פֶּסַח אוּן אַ וָואךְ נָאךְ פֶּסַח, אַלֶע דְרֵיי וָואכְן - גֵייט פַּרְשַׁת אַחֲרֵי. מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת אַחֲרֵי פוּן דִי וָואךְ, אָדֶער קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי וָואךְ נָאךְ פֶּסַח. דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע אִידְן הָאבְן צְוֵויי וָואכְן פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, דִי וָואךְ אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ ווִילְן מִיר שׁוֹין כַּשְׁרְ׳ן, מִיר ווִילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן קָאכְן פַאר יוֹם טוֹב, דָאךְ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ כַּשְׁרְ׳ן בִּיז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר. מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ׳ן דַיְקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן זֶען ווִי מֶען גִיסְט דִי הֵייסֶע בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער, ווִי עֶס טוּט זִיךְ אוּן ווִי עֶס גִיסְט זִיךְ... זֵיי זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי מֶען גְרֵייט אָן אַ יוֹם טוֹב, ווִי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח.

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס קִינְדֶער זֶעעֶן אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן - דָאס בְּלַייבְּט זֵיי, מִיט דֶעם וַואקְסְן זֵיי אוֹיף. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה - אַזוֹי ווִי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיפְבְלַייבְּן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת.

זַיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דַיין טֶעלֶעפָאן; מֶען דַארְף דָאס כַּשְׁרְ׳ן, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין דֶעם. אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-א׳ תשפ"ב)

<<<<< מוהרא"ש דערציילט

זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי הָאבְן בַּאקוּמֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה סָח" - דִי מוֹיל הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ב׳) "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" זֵייעֶר מוֹיל אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער פְרֵיי, זֵייעֶר מוֹיל אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, זֵיי הָאבְן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר בַּיי יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריְקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן בְּגַשְׁמִיּוֹת, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וֶוען עֶר אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער זַיינֶע בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען; בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען טְרֶעפְט אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק וָואס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַז עֶר הָאט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דֶער וֶועג אִיז אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים שִׁיקְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, עֶר טְרֶעפְט אַ צַדִיק וָואס עֶפְנְט אִים דָאס מוֹיל אוּן מַאכְט אִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר דִי הַגָּדָה דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מ:) "פִּקּוּדָא בָּתַר דָא", זָאגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר אַז עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיפְ׳ן יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁטֶענְדִיג דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, דַארְף עֶר דָאס זִיכֶער דֶערְצֵיילְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶער נֵס אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ וֶועג אַז אוֹיךְ עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג; אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער נֵס. וַוייל דָאס וֶועט אִים שׁוֹין אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס וֶועלְן אִים נָאר אוּנְטֶערְקוּמֶען אִין לוֹיף פוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. סַיי וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶועט נָאר זַיין, וֶועט עֶר ווִיסְן דֶעם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס, עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר אַלֶעמָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן יֶעדֶע צָרָה.

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט ווִי דֶער גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז עֶר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַ מֶענְטְשׁ קְלֶערְט אַז נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט קֶען עֶר נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי רֶעדְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, נָאר דֶעמָאלְט הֵייסְט עֶס אֱמֶתְ׳דִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט יֶעדְן אִיד. נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין מֶען אִיז, אַלְץ שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרֵייט אוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדְן אִידְ׳ס מוֹיל. דֶער אִיד דַארְף פָּשׁוּט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז עֶס זָאל בִּכְלַל קוּמֶען דִי צָרָה אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דֶערְפַאר וַוייל עֶר ווִיל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּן קֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר טִיף אוּן בְּעִיּוּן, נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶס חָשׁוּב, נָאר דַאן אִיז עֶס עֶפֶּעס וֶוערְד; אוֹיבּ אָבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי טִיף, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, דַאן אִיז דִי תּוֹרָה נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים, עֶר קֶען נִישְׁט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה. אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אוּן דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִפּוּק אִין לֶעבְּן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד", אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, קַיין כֹּחַ אוּן מֹחַ, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין; זָאל עֶר אוֹיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה. עֶר זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז צוּם סוֹף וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי יְצִיאַת מִצְרַיִם פוּן דֶעמָאלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אוּנְז הַיינְט אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער מִצְרַיִם. אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶפְנְט דֶעם מוֹיל פוּן דִי אִידְן אוּן זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְן אַ צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז דָאס אוֹיס.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ׳ן פֶּסַח)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלו)

**תצה**

נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עֶר זָאל עֶנְדִיגְן אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אִין אֵיין יָאר, עֶר הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען פִינְף דַפִּים יֶעדְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זֶען צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט מֶענְטְשְׁן, סְתָּם שְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן, צוּ בַּארוּאִיגְן דֶעם קָאפּ. כָאטְשׁ וָואס דֶער טָאג אִיז אִים נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג לַאנְג צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מֹחַ יֶעדְן טָאג דוּרְכְ'ן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען דַארְף מֶען זִיךְ צוּמָאל אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן כָאטְשׁ פַאר אַבִּיסְל, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען דִי נֶערְוֶועְן, מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפְלִיעֶן, צוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען חַס וְשָׁלוֹם.

**תצו**

יֶענֶעם וִוינְטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט (סִימָן תפ"ו).

**תצז**

אֵיינְמָאל אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט זַיין חָבֵר ר' נַפְתָּלִי. זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין צִימֶער, דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי. דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶעבְּט אַ לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶעבְּט. וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סָארְט לֶעבְּנְס, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעלֶעבְּט אַזַא גוּט לֶעבְּן, וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל גֶעהַאט!"

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְפְן וֶוערְטֶער פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶּה זַיין אַבִּיסְל רָאשֵׁי פְּרָקִים פוּן דִי תּוֹרָה "קַרְטָלִיתָא" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ח). דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, נָאר אַבִּיסְל שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

**תצח**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע. דָארְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה "קַרְטָלִיתָא", אוּן עֶר הָאט עֶס אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

**תצט**

אוֹיךְ אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵיינְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ קִידּוּשׁ דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען, "אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטָאט, אוּן סְ'הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אִין חָלוֹם אַז דִי שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם צַדִּיק, אוּן אוֹיךְ אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִים גֶעזֶען. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן אִים, אָבֶער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, סְ'הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי טוּעֶן דָאס פַאר דַוְקָא אַז זֵיי גֶעבְּן אִים נִישְׁט שָׁלוֹם, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דָארְט וִוי אַזוֹי דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזַא עַזּוּת אוּן חוּצְפָּה אִים נִישְׁט צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר דַוְקָא. הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָבֶער עֶר הָאט אַ גוּף וָואס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים", עֶר אַלֵיין אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם גוּף. אוּן אַזוֹי וִוי וִוי מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם אִין "מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים", דֶעריבֶּער הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם". [טֵייל זָאגְן אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט שַׁיְיכוּת מִיט תּוֹרָה י"ד].

**תק**

שְׁפֶּעטֶער, אִינְדֶערְוָואכְן, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ כַּלּוֹת, אוּן אֵיין כַּלָּה אִיז גֶעוֶוען דִי חֲשׁוּבְסְטֶע פוּן זֵיי אַלֶע, מֶען הָאט דֶערְקֶענְט אַז דֶער עוֹלָם הַאלְט אִיר פַאר דִי חֲשׁוּבְסְטֶע, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט קַאפֶּעלְיֶעס וָואס הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט מוּזִיק.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס עֶפְנְט זִיךְ אַ טִיר אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִין יְשִׁיבָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטְרָאמֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צְוִוישְׁן אַזַא רִיזְן צִיבּוּר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעשְׁטַאנֶען הֶעכֶער זֵיי. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי, אוּן דֶער כְּבוֹד הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר גְרוֹיס. דִי כַּלּוֹת הָאבְּן גֶעטַאנְצְן, אוּן דֶער עִיקָר אִיז גֶעוֶוען דִי חֲשׁוּבְסְטֶע כַּלָּה וָואס הָאט גֶעטַאנְצְן דָארְט, וֶועלְכֶע נִיגוּן דִי קַאפֶּעלְיֶע הָאט גֶעשְׁפִּילְט הָאט זִי אַלֵיין נָאכְדֶעם גֶעזִינְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כְּבוֹד הַתּוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע כָּבוֹד וָואס מְ'גֶעבְּט דָארְט פַאר תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעקֶענְט, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶען אַמָאל אַזַא גְרוֹיסֶע כְּבוֹד הַתּוֹרָה. לוֹיט וִוי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען הָאבְּן זֵיי פָּשׁוּט גֶעלֶערְנְט נִגְלוֹת הַתּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט רַבָּנִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע סְפָרִים וָואס מֶען נוּצְט גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיים לֶערְנֶען נִגְלֶה".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע חוּמְרוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר גֵייעֶן אי"ה אוֹיף פֶּסַח צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן מַיין מַאמֶע קוֹיפְט גֶעוִויסֶע עֶסְן פַאר דִי סְעוּדוֹת, ווייל אִיךְ ווייסְן וָואס מִיר זָאלְן טוּן וַוייל מַיין מַאן אִיז מַקְפִּיד זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן, אוּן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וֶוען מֶען גֵייט צוּ זֵיי - נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע חוּמְרוֹת. אִין שְׁטוּבּ קֶען מֶען זִיךְ פִירְן מִיט שֵׁיינֶע מִנְהָגִים אוּן חוּמְרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִנְהָג, קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חוּמְרָא, נָאר דִי אֵיין מִצְוָה פוּן כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ.

מוֹהֲרַנַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגֶעסְן זוּפּ אוּם פֶּסַח אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין אַלְטֶע מַאמֶע, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן אֵיין טֶעלֶער. אַמָאל הָאט פַּאסִירְט, דִי מַאמֶע הָאט פַארְגֶעסְן אַז מֶען בְּרָאקְט נִישְׁט אוּן זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה אִין טֶעלֶער, אוּן צוּ אַלֶעמֶענְ'ס וואוּנְדֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק וַוייטֶער גֶעגֶעסְן פוּן דִי זוּפּ, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶערוּקְט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה צוּ אִיר זַייט אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעגֶעסְן דִי זוּפּ, נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "נִישְׁט בְּרָאקְן אִיז אַ חוּמְרָא אוּן וֵויי טוּן דִי מַאמֶע, מְזַלְזֵל זַיין אִין מִצְוַת כִּיבּוּד אֵם - אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, אַ חוּמְרָא קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ דְאוֹרַיְיתָא".

דֶערְפַאר וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אִין דֶעם דַארְף לִיגְן דֶער גַאנְצֶער קָאפּ, 'וִוי נָאךְ קֶען מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע'.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ'; בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי שְׁטוּבּ, וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-א' תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> נייעס

ווען מען גייט אים יעצט היטן, ער האט גוטע קליידער אויבן אין הימל מיט וואס זיך אנצוקליידן. אזוי זאגט דער רבי, די מצוות פון העלפן אנדערע - דאס זענען קליידער פאר די נשמה, די נשמה זאל זיך נישט דארפן שעמען אויבן אין הימל.

ועל כולם, דיין טאטע האט זוכה געווען צו משמש זיין מוהרא"ש בחיים חיותו, וועט ער זיכער ווייטער משמש זיין מוהרא"ש אויבן אין הימל. דיין טאטע איז געווען זייער געטריי פאר מוהרא"ש, איך האב געזען אסאך ביי מוהרא"ש, עס זענען געווען אסאך וואס האבן משמש געווען, אבער נישט יעדער איז געווען געטריי, אסאך האבן געהאט אייגענע אינטערעסן, דיין טאטע עליו השלום איז געווען געטריי פאר מוהרא"ש אן קיין שום אייגענע נגיעות; זעלטן צו זען אזא משמש ביי א צדיק.

דער אייבערשטער זאל דיר טרייסטן, דיר און דיין טייערע מאמע; איך וועל איר באזונדער שרייבן א בריוו, איר טרייסטן, מיט דיינע ברידערס. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו משיח צדקינו און צו תחיית המתים במהרה בימינו."

יעצט ווען מען געזעגנט זיך פון דעם טייערן איד, נעמען זיך אנשי שלומינו פאר אז מען וועט אויך טון אזוי ווי דעם נפטר, טון חסד איינער מיט'ן צווייטן, לערנען בהתמדה טראץ די פילע טירדות.

**אין מלווין לו לאדם, אלא תורה מצוות ומעשים טובים!**

# קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוֶוערֶע קֻשְׁיָא, מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּב; מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען רֵיינִיגְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אַז עֶס זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיי אַ אִיד אַ שְׁטִיקְל חָמֵץ אוּם פֶּסַח; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, לֵיידֶער פַאלְט מֶען יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִינְמִיטְן דִי יָאר.

דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין חָמֵץ אוּם פֶּסַח, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן מַצָה אוּם פֶּסַח, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים נָאר דֶערְמַאנֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִׁירִים ד', ז') "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָתֵךְ' - אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן" - אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן. דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, עֶר ווִיל נָאר אַז אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאק אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר טָארְן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אוּן מִיט דֶעם זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א רמ"ב).

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַבִּי כַּהֲנָא), מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. (קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יודא אייזנער** הי"ו

בן מו"ה **נתנאל אייזנער** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **יואל טייטלבוים** שליט"א

גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" קרית יואל, עצי תמרים

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# הערליכע ביכל "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" גייט שוין צום דרוק בעזרת השם

אין די יעצטיגע טעג גייט צום דרוק די ערשטע אין די סעריע קינדער ביכלעך "מעשה'לעך פאר קינדערלעך", אנגעפילט מיט תוכן'דיגע מעשיות, אראפגעשריבן אויף א קלארע שפראך, געשריבן געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, מיט אויג פארכאפנדע בילדער וואס ציעט די אויגן פון די טייערע צאן קדשים, געמאלן דורכ'ן היימישן מעלער פון ארץ ישראל מו"ה יחיאל בליאש הי"ו.

די מעשיות זענען אראפגעשריבן געווארן וועכנטליך דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, און איז געדרוקט געווארן אין א שווארץ און ווייס בילד, במשך די לעצטע יאר ביים סוף פון די וועכענטליכע "עצתו אמונה" קונטרסים, מיט וואס אלע האבן זיך מחיה געווען. שפעטער איז עס געדרוקט געווארן וועכנטליך אינעם קרית ברסלב בלעטל מיט א קאלירטע בילד. ווען עס האט זיך שוין אנגעזאמעלט א שיינע צאל מעשה'לעך, האט מען דאס צוזאם גענומען לפונדק אחד, און יעצט מען גייט עס דרוקן אי"ה מיט שיינע גרויסע געפינטלטע אותיות, אויף שטארקע דויערהאפטיגע פאפיר, געאייגענט פאר קינדער. דער גאנצער ביכל איז איבערגעקוקט געווארן פארן גיין צום דרוק דורכ'ן ראש ישיבה, און האט אנגעוויזן אויף יעדע פרט ווי אזוי עס אויסצושטעלן אויפ'ן בעסטן אופן.

די ביכל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריינבאקן אין די טייערע קינדערלעך, די תינוקות של בית רבן, אמונה, דרך ארץ, תורה, תפילה, שמחה של מצוה, מידות טובות, תמימות, און וועט זיי העלפן וואקסן אין יראת שמים וואס וועט זיי באגלייטן זייער גאנץ לעבן.

דער ראש ישיבה שרייבט איבער דעם נייעם ביכל אין א בריוו פון זונטאג ויקרא העעל"ט: "איך האב באקומען דעם קינדער ביכל "מעשה'לעך פאר קינדערלעך"; איך בין אזוי איבערגענומען פון די שיינע ארבעט וואס דו האסט אהערגעשטעלט; אזוי שיין די גרעפיקס, אזוי שיין די אויסשטעל; דאס וועט זיין א שטארקע זאך פאר די מפיצים, מען וועט גיין מיט דעם ביי די הייזער, עלטערן וועלן דאס זען וועלן זיי דאס נעמען פאר די קינדער; די מעשיות זענען פול מיט יראת שמים און ריינע אמונה."

די נייע ביכלעך גייען שוין צום דרוק אין די טעג, און בקרוב וועט מען עס בעזרת השם שוין זיין צו באקומען.

**והודעתם לבניך ולבני בניך!**

***

# ברוך דיין האמת: חסידי ברסלב געדענקען צום גוטן דעם איש החסד הרה"ח ר׳ יצחק ראזענבערג ז"ל

מיט צער און ווייטאג איז אויפגענומען די שווערע בשורה איבער די פטירה פון הרה"ח ר׳ יצחק ראזענבערג ז"ל, וואס האט צוריק געגעבן זיין לויטערע נשמה צום באשעפער, פארגאנגענעם דאנערשטאג טהרה.

ר׳ יצחק ראזענבערג וואס טראץ דעם וואס ער איז געווען א גאר פארנומענע מענטש, זייענדיג אן אויסגערופענע דאקטער, האט אבער זיכער געמאכט גוט אויסצונוצן זיינע טעג, און זיי אנגעפילט מיט תורה, מצוות און מעשים טובים, ער האט צווישן זיינע פילע לימודים געענדיגט עטליכע הונדערט מאל משניות.

ר׳ יצחק האט געטריי באדינט מוהרא"ש זי"ע און האט געהאט די זכיה צו ראטעווען דאס לעבן פון מוהרא"ש ווען ער האט געהאט דעם שווערן הארץ אטאקע אחרון של פסח, און האט געגעבן פאר די וועלט די זכיה צו האבן מוהרא"ש מיט אונז פאר נאך עטליכע גוטע יארן.

אויך איז ר׳ יצחק געטריי געשטאנען צו די האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א, געהאלפן דעם ראש ישיבה ביים עפענען די הייליגע מוסדות, און בכלל מיט אלעם וואס ער האט נאר געקענט. ר׳ יצחק איז אלץ געווען א פרייליכער איד, און זיך קיינמאל געמישט אין קיין מחלוקת, נאר אלץ געהאט א גוט ווארט פאר יעדן.

אין א בריוו איז דער ראש ישיבה מנחם דעם חשובן זון: "ברוך דיין האמת, איך האב יעצט געהערט די ביטערע נייעס אז דיין טאטע עליו השלום איז נפטר געווארן. דיין טאטע איז מיר געווען זייער א גוטער פריינט, ער איז מיטגעשטאנען מיט מיר פון ווען מיר האבן געעפנט די ישיבה ביזן לעצטן טאג, ער האט מיר אלץ מחזק געווען, אלץ געגעבן גוטע ווערטער.

אויך האט דיין טאטע געלערנט יעדן טאג פון אנהויב פון זיין התקרבות צו מוהרא"ש ביז ממש לעצטנס ווען ער איז אריין אין שפיטאל - ח"י פרקים משניות, מיט נאך אסאך שיעורים. די תורה, די פרקים משניות - וועט אים היטן אין קבר. דו דארפסט נישט זארגן פאר דיין טאטע, אים איז יעצט גוט און ליכטיג, ער איז אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

דיין טאטע האט זיך אוועק געגעבן פאר אידישע קינדער זיין גאנץ לעבן, פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת האט ער געטון פאר אנדערע, אן באקומען גארנישט באצאלט. ער האט געהאלפן צעבראכענע אידן, צעבראכענע נשמות, אזויפיל שווערע פרשיות פון חולי נפש האט ער געהאלפן. ווען עס איז מיר אנגעקומען א שווערע פרשה צו העלפן איינעם אויסהיילן בגוף ונפש - האט ער אלץ געהאלפן מיט אזא מסירות נפש; דאס

<<<<<<

## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

**מו"ה משה ראזענבערג הי"ו**

און די גאנצע משפחה

וועלכע טרויערן אויף די פטירה פון זייער טאטע

**ר׳ יצחק בן ר׳ אברהם ז"ל**

בלע המות לנצח ומחה ה׳ אלקים דמעה מעל כל פנים


## יום טוב פסח

חיזוק, דרשות, שיעורים, מעשיות פאר קינדער, נוסח ההגדה, הלכות, און נאך; לכבוד דער פרייליכן און הייליגן יום טוב פסח

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יודי פריינד הי"ו, לע"נ אביו ר׳ אברהם יעקב ב"ר שלום יוסף ע"ה ת.נ.צ.ב.ה.